STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06127

ALEKSANDER KUPRIN

Menahem Boraisha

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם

אלעקסאנדער קופּרין

אָפּהאַנדלונג

Copyright 1919
By
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

I

אין א הייסען זומערדיגען פארנאכט האט מיך א באקאנטער, פירענדיג איבער די גאסען פון אדעס, אריינגעפירט אין קופרין'ס „גאמברינוס".

עס איז געווען כמעט ווי א אנטוישונג. שוין דאס בילד פון ביער־קעניג גאמברינוס אליין איבער די טרעפ, וואס פירען אראפ אין קעלער אריין, איז געווען זעהר ווייט פון יענער זאפטיגקייט, מיט וועלכער קופרין האט עס אויסגעמאלען. דער קעלער האט אויסגעקוקט גראה און נישט אינטערעסאנט. ער איז באשטאנען פון צוויי לאנגע שמאלע צימערען אין געשטאלט פון א „ד", און אין ווינקעל פוןביידע איז געווען די עסטראדע, די זעלבע עסטראדע, פון וועלכער קופרין'ס סאשקא האט עס אזוי באגייס־טערט זיין פארשידענפארביגען אינטערנאציאנאלען עולם. די ווענד אויסגעמאלען, דאכט זיך, מיט א העל־בלויער פארב, וואס האט קיין קאליר נישט געהאט, און די בילדער אויף זיי, פרימי־טיווע, קינדערשע האבען כמעט ווי דאס אויג נישט פארהאלטען. אמת, אז אין פארשידענע ווינקלען זיינען געשטאנען די קליינע און גרויסע פעסלאך, וואס האבען געדארפט דינען פאר טישען און בענקלאך, אבער דעם גרעסערען פלאץ האבען פארנומען אמת'ע טישען און קליינע בענקלאך, פראסטע און גראבע, ווי אין א געווענליכער ביער־האלע, און עס האט אויסגעזעהן, ווי די עקסטראוואגאנטע פעסלאך שטעהען דא נאר פון דעקאראציע וועגען. אין קעלער איז געווען זעהר ווייניג מענשען, און אויך די האבען אויסגעזעהן גארנישט, ווי געסט, און זיי האבען גאנץ פריי

א. קופּרין

און אַביסעל איראָניש אָנגעקוקט די פרעמדע יונגע לייט מיט די געפּרעסטע קראַגענס, וואָס זיינען געקומען קוקען אויף דעם באַרימטען פּלאַץ.

מיר האָבען זיכער אויסגעזעהן קאָמיש אין זייערע אויגען, און נאָך דעם ערשטען גלעזעל ביער האָבען מיר זיך אָפּגעטראָגען און זיינען אַרוים צוריק אין דעם הייסען אָדעסער אָוונט.

מיין באַקאַנטער, אַליין אַ זשורנאַליסט, האָט דערנאָך אויפ'ן וועג גע'טענה'ט מיט מיר:

— אייגענטליך — האָט ער געזאָגט — האָב איך אַליין נאָך דעם ערשטען באַזוך פון „גאַמברינוס" געהאַט דאָס זעלבע געפיהל פון אַנטוישונג. עס זיינען דאָ צייטען, ווען דער קעלער זעהט גאַנץ אַנדערש אויס, כאָטש די באַרימטקייט, וואָס קופּרין האָט איהם צוגעגעבען, האָט געבראַכט אַהער אַנ'אַנדער פּובליקום, און דער אַלטער עולם פיהלט זיך שוין נישט אַזוי פריי. אָבער דער בלייבער איינדרוק, וועלכען דער קעלער מאַכט אַצינד, האָט אויך מיך שפּעטער געבראַכט צום געדאַנק: ווי רייך און גרויס עס דאַרף זיין די פאַנטאַזיע פון אַ קינסטלער, וועלכער קען אין אַזעלכע בלאַסע ווענד אַריינטראָגען אַזוי פיעל פאַרשידענפאַרביג לעבען, און דורך אַט דעם קליינעם קעלער דורכפירען דאָס גאַנצע ליידען, מאַטערען זיך און שטרעבען פון רוסלאַנד, כמעט אַ געשיכטע פון אַ דור!

ער איז געוועזען גערעכט, מיין באַקאַנטער. און איצט, ווען איך נעם נאָך אַמאָל לייענען די ערצעלונג וועגען די פאַרוואַנדלונגען פון דעם ביער-קעלער דורך יענעם צעהנדליג יאָהר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר דער יאַפּאַנישער מלחמה און האָט זיך געענדיגט מיט דער גרויסער רעאַקציע נאָך דער רעוואָלוציע, דאַכט מיר, אַז גאַנץ קופּרין איז פאַרהאַן אין אַט דער איינער ערצעלונג. גאַנץ קופּרין מיט זיין זאַפטיגער שילדערונג, זיין ליעבע צום קאָכיגען בלוט, זיין גרויסען רוסישען שמערץ, זיין באַגייס-

טערונג פאר דער מעכטיגקייט פון זיין לאנד און דער וועהטאג פאר די ליידען, מיט זיין ביטערען פראטעסט און דעם ענדליכען זיעגער־געשריי פון אמת, שענקייט, און קונסט:

— א מענשען קען מען מאכען פאר א קאליקע. אבער די קונסט וועט אלץ איבערליידען און אלץ בייקומען.

און דא איז די „קונסט" נישט בלויז קונסט אין עצם באַ־דייטונג פון דעם וואָרט. לעגט אריין אין דעם וואָרט דעם זינען פון דעם ליכטיגען, דעם שענעם, דעם גרויסען, פון דעם אלעם, נאך וואס עס בענקט אזוי דער רוסישער מענש און וויים נישט קיין ריכטיגע באצייכנונג דערפאר, און איהר וועט באקומען דעם טיפערען זין פון דעם, וואס קופרין האָט געוואָלט זאָגען. מעג ליידען דאס לאנד, מעג עס בלוטיגען, מעגען שווינדלער און בלוט־זויגער דאס באהערשען און צוברעכען — מען קען עס בלויז פאר א קאליקע מאכען, אבער דעם אמת, די ליעבע צו פרייהייט וועט מען נישט דער׳הרג׳ענען, אזוי ווי מען קען נישט דער׳הרג׳ע־נען די קונסט אין סאשקא׳ן.

סאשקא איז א פידלער, וואס שטעהט אין יענעם ווינקעל אויף דער עסטראדע אין „גאמברינוס" און שפיעלט פאר די האלב־שכור׳ע געסט. וואו עס איז פארהאן א ווינקעל אויף דער ערד, אומעטום איז סאשקא׳ס נאָמען באקאנט. אין ניו־יארק און לאָנדאָן, אין באָרדאָ און סידני — אומעטום פארבלאָנדזשען די מאטראסען, וואס האבען געהערט סאשקא׳ס שפיעלען, פון אומע־טום ברענגען זיי צו איהם ליעדער, וועלכע ער כאפט אויף אויפ׳ן פידעל מיט דער שנעלקייט פון זשעני און אויף אלע עקען וועלט טראָגען זיי פונאנדער די ליעדער, וואס זיי האָבען געהערט פון איהם אין „גאמברינוס" אין אדעסער פאָרט. סאשקא שפיעלט פאר מאטראָסען פון אלע עקען וועלט און באגלייט יעדערענ׳ס נאציאָנאלען טאנץ. סאשקא שפיעלט פאר פישער־יונגען, וועלכע קומען פאר׳שכור׳ן זייערע פארדינסטען. סאשקא שפיעלט פאר

גנבים, וואָס קומען מיט זייערע מיידלאַך אין „גאַמברינוס“ און האָט פאַר זיי ליעדער. סאַשקאַ שפּיעלט פאַר די אַרבייטער פון פּאָרט, און אַמאָל שפּיעלט סאַשקאַ בלויז פאַר דער בעל־הבית׳טע פון ביער־קעלער, ווען קיינער איז ניטאָ, און זי, די פעטע, שווערע פרוי מיט׳ן בלייערנעם קוק, אפילו זי בעט זיך, אַז ער זאָל עפּעס שפּיעלען. בלויז דעמאָלט, ווען סאַשקאַ שפּיעלט „עפּעס אייגענס“ פאַר דער בעל־הבית׳טע קען מען זיך דערוויסען, ווער ער איז. „פון די סטרונעס פון סאַשקאַ׳ס פידעל וויינט דער אידישער שמערץ, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי די ערד“... אָבער ווייטער איז סאַשקאַ מעהר ווי אַ מענש מיט אַ פּנים און אָפּשטאַמונג — ער איז בלויז אַ קינסטלער.

אַזוי זיינען אַוועק יאָהרען פאַר איהם אין שפּיעלען. פּלוצלונג איז אונטערגעקומען די יאַפּאַנעזישע מלחמה. אין קעלער האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען פּאָליטיק און מלחמה, דער עולם איז געוואָרען אומרוהיג, צושראָקען, און סאַשקאַ האָט פון ערגיץ געקראָגען אַ נייעם ניגון — „קוראָפּאַטקין־מאַרש“. אָבער דאָס איז געווען פאַלש, עס האָט נישט געבראַכט דעם אמת׳ן טאָן פון דעם, ווי דאָס פאָלק האָט געפיהלט געהענדיג אויף דער מלחמה. ביז וואַנען די פישער פון באַלאַקלאַווא האָבען געבראַכט אַנאַנדער ליעד, אַן׳אמת׳ע, אַ ליעד פון ליידען און וועהטאָג אויף דעם, וואָס מען דאַרף אַוועקגעהן אויפ׳ן ווייטען מזרח — און סאַשקאַ האָט גענומען שפּיעלען די באַלאַקלאַווער מעלאָדיע. און דאַן האָט מען איהם אליין צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, כאָטש ער איז שוין געווען איבער די פערציגער, און אַוועקגעשיקט קיין מאַנדזשוריע.

ער איז אַוועק, און דער קעלער איז געוואָרען טויט. אָבער אין צוויי יאָהר אַרום איז ער צוריקגעקומען. אַלץ איז געגאַנגען ווי פריהער. ביז איינמאָל האָט זיך אין גאַמברינוס באַוויזען אַ נייער עולם — אַרבייטער, סטודענטען, מיידלאַך מיט ברענענדע

אוינגען. מען איז געשטאַנען אויף די פּעסלאַך און מען האָט גע־
שריען :

— סאַשקאַ, די מאַרסעליעזע !

איבער די גאַסען זיינען געגאַנגען פּראָצעסיעס מיט רויטע פאָהנען און געזאַנג. פון די פרויען האָבען אַראָפּגעשיינט רויטע לענטעס און רויטע בלימלאַך. און סאַשקאַ האָט געשפּיעלט די מאַרסעליעזע.

אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. איינמאָל אַ אָוונט איז אַראָפּגעקומען דער פּריסטאַוו מיט אַ געשריי :

— קיינע הימנען דאָ נישט צו שפּיעלען !

און אויף מאָרגען פריה האָט זיך אָנגעהויבען דער פּאָגראָם. די זעלבע, וואָס זיינען נעכטען געגאַנגען איבער די גאַסען מיט געזאַנג און פרייד אויף דער געוואונענער פרייהייט, די זעלבע זיינען איצט געגאַנגען הרג'ענען, ווייל מען האָט אין זיי געדרייצט די תאווה צו גוואַלד און מאָרד. סאַשקאַ האָט אין פּאָגראָם גע־קראָגען קלעפּ, אָבער ער איז אָוועק און ביינאַכט ווייטער גע־שפּיעלט.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די פינסטערע צייט. איבער די גאַסען און עפענטליכע פּלעצער האָבען זיך גענומען אַרומשלעפּען געוועזענע גנבים און איצטיגע סישציקעס און אומעטום אַכטונג געגעבען אויפ'ן פּאַטריאָטיזם. איינמאָל האָט זיך אַזאַ חברה אַריינגעכאַפּט אין גאַמברינוס.

— דעם הימן פאַר אונזער באַליעבטען מאָנאַרך ! — האָט געפאָדערט איינער פון זיי, אַ געוועזענער גנב, אַ סוטענער, אַ משומד און באַשיצער פון רוסישען טראָן.

סאַשקאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּיעלען. עס איז געוואָ־רען אַ געשלעג, סאַשקאַ האָט דעם שפּיאָן צוקלאַפּט דעם קאָפּ מיט זיין פידעל, אָבער ווען ער איז אַרויס אויפ'ן גאַס, האָט מען איהם

געכאפּט און אוועקגעשלעפּט אין אַבראַנקע. סאַשקאַ איז פאַר־פאַלען געוואָרען.

ער איז געקומען צוריק אין צוויי חדשים אַרום מיט איבער־געבראָכענע פינגער פון דער לינקער האַנד. אויס שפּיעלער סאַש־קאַ! אָבער ווען קיינער האָט שוין קיין האָפנונג נישט געזעהן, האָט ער פון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט אַ לייהמענע פייפעל — און ער איז ווידער דאָ:

— מען קען אַ מענשען מאַכען פאַר אַ קאַליקע, אָבער די קונסט וועט אַלץ איבערליידען און בייקומען.

II.

עס איז געוועזן א דור פון פראטעסט, פון גייסטיגען בונט. און איצט, נאך דער גרויסער רעוואלוציע פון 1917 און 1918, ווען מיר זעהען פאר זיך דאס אלטע רוסלאנד צושמעטערט אויף פיץ־פיצלאך אזוי, אז זי וועט שוין קיינמאל קיין תחית המתים נישט אויפשטעהן, קענען מיר זיך מאכען א בעגריף פון דער געוואלדיגער קראפט, מיט וועלכער די אלטע ארדנונג איז נעשליי־דערט געווארען אין פעלז פון דער צייט און צושמעטערט געווארען. און אט די קאלאסאלע קראפט האט זיך צונעגרייט, געברויזט און געקאכט אין יענעם דור, פון וועלכען קופרין, נארקי און אנדרע־יעוו זיינען געוועזן די פארשטעהער.

עס איז געקומען יענע עפאכע אין דער רוסישער געשיכטע, ווען דער אמת׳ער קינסטלער מוז ווערען נאציאנאל. דאס זיינען צייטען פון אינערליכע איבערקערענישען. צייטען, ווען דאס לע־בען פון א פאלק שטעהט אויפ׳ן שוועל פון באנייאונג און אלע כחות, וואס אין איהם, ווערען אנגעשטרענגט און אנגעצוינען מיט ערווארטונג אויף עפעס נייעס. אין געוועגליכע צייטען וואלט דער קינסטלער זיך פארנומען מיט וועלט־פראבלעמען, מיט פראבלעמען רייז־מענשליכע, און אויב דער טאן, וואס קלינגט אם שטארקסטען אין איהם, איז צער און שמערץ, וואלט עס נע־וועזן מענשליכער צער און שמערץ פון דער וועלט. אין אזא סביבה אבער און אין אזא דור, וואו די גאנצע ענערגיע ווערט געזאמעלט אויף א געזעלשאפטליכען און סאציאלען קאמף, ווערט דער אמת׳ער קינסטלער דער שארפסטער טרענער פון דעם גייסט, וואס פיהרט צום קאמף. זיין אידעאל שמעלצט זיך צונויף מיט׳ן

אידעאל פון דער סביבה, זיין צער פארוואנדעלט זיך אין דעם צער פון זיין פאלק. און דאס געפיהל פון בונט, וואס לעבט אין יעדען קינסטלער, ווערט אויסגעשפראכען דייטליך אלס דער בונט געגען דער ארדנונג, וואס שטעהט אויפ'ן וועג פון נאציאנאלער באַפרייאונג. ביז ענדליך ווערט שווער צו אונטערשיידען, ווער ווע־מען עס האט געבראכט: דער בונט — דעם קינסטלער, אדער דער קינסטלער — דעם בונט.

משעכאוו איז געוועזן דער לעצטער אנזאגער פון אט דעם דור פון בונטארען. מעגליך, אז ער אליין האט שוין געהערט צו דעם דור, אבער זיין בונט איז געוועזן א שטילער, א פער'צער'־טער, א פאסיווער. ער האט בלויז געזעהן און טרויעריג געשמיי־כעלט, געזעהן און געוועהטאגט, געזעהן און געבלוטיגט, אבער ער אליין האט צום קאמף נישט גערופען, ער אליין האט נישט באַשאפען נאך יענעם מענשען, וועלכער זאל קומען און אויפטרייס־לען דעם קאלאסאלען, פארוואקסענעם און פארשאטענעם זומפּ, וועלכען זיין רוסלאנד שטעלט פאר. א שרעקליכע גאלערייע פון קליינע מענשעלאך מיט קליינע השגות, וועלכע ווארגען זיך אונ־טער א פרעמדער נישט־באגריפענער מאכט. א וועלט פון קליינע משינאוניקעס, וועלכע שטארבען צוליעב דעם, וואס זיי האבען אומגערן אנגעטראטען דעם נאטשאלניק אויפ'ן היהנער־אויג און זיינען נישט זיכער, אויב ער האט זיי מוחל געווען. קליינע, דערשלאגענע, איינגעהויקערטע, צאפּעלדיגע. א וועלט פון אל־טער פריציש'ער פעסטקייט, וואס ווערט צובראכען אין זיך און שמעלצט זיך פונאנדער אין דער צייט, אזוי ווי וואקס אויפ'ן פייער. אלטע, פארוואקסענע וועגען, איינגעהויקערטע רייכע הייזער, מאך אויף די דעכער און גרינער שימעל אויף די וואסערן פון די קינסטליכע אזערעס הינטער די אלטע פריצישע הייזער. א וועלט פון פארוואַרפענע גראָהע שטעדטלאך מיט פארוואַרפענע גראָהע מענשען, וואס שלאָגען זיך פון טאג אויף טאג אלץ מיט

דעם זעלבען פארוואָרפענעם, גראָהען, קליינעם און קליינליכען לע־בען אהן ליכט, אהן אויפשוואונג, אהן איבערברוך, אהן דער מינ־דעסטער השגה פון עפּעס אנדערש, וואָס קען קומען און ארויסרייסען זיי פון דער גראָהקייט. אַ מין שוואַנגען־געזאַנג, אַ שטילער, הייזעריגליכער און האפנונגסלאָזער פון אַ וועלט, וואָס איז פאר־משפט צום אונטערגעהן.

דאָן איז פון די ברייטע וואָלגא־וואַסערן, פון די זוניגע ים־ברעגען, פון די פאררויכערטע האַסטיג־אַטעמדיגע פאבריק־שטעדטלאך, פון די גרויסע הונגעריגע וועגען אויפגעקומען דער געשריי פון דעם נייעם שטאַנד, פון געזעלשאַפטליך־פארשטויסע־נעם, אבער שאַפענדען, ענערגישען, מעכטיגען. איבער דער ברייטער גראָהקייט פון טשעכאָוו׳ס קליינע מענשעלאַך און גאָרקי׳ס „מעשצאַניע"—האָט זיך אויפגעהויבען דער מענש פון „דנאָ". דער מענש פון געזעלשאַפטליכען דעק, פון הינטער־וועג און הינ־טער־גאַס, דער מענש מיט׳ן רויטען בלוט, פארגרעבטע שטאַרקע הענט, געזונטע פּיס און קאַרק, וואָס קען אַלץ איבערטראָגען; און איבער דער גראָהקייט האָט דער מענש אויפגעהויבען זיין קאָפּ און אויסגעשריען, אַז ער וויל האָבען זיין פּלאַץ אין דער וועלט. צו וואָס עס האָט זיך נישט געקענט דערטראַכטען דער אָפּ־שטאַרבענדער פּריץ און דער קיינמאָל ניט אויפגעקומענער קליי־נער טשינאָווניק, האָט זיך דערטראַכט דער הונגעריגער מענש פון אונטער די פּרייע הימלען און דעם געראויש פון די מאַשינען. „אַ מענש — דאָס קלינגט שטאָלץ!" — האָט ער געזאָגט, און דער שטאָלצער, שטאַרקער, אבער הונגעריגער מענש איז ארוים אין קאַמף צו שטילען נישט נאָר זיין פיזישען הונגער, נאָר צו געווי־נען די מאַכט און הערשאַפט פאַר אַלע די, וואָס האָבען אין זייער דערשלאָגענקייט נישט געהאַט די העזה צו טראַכטען וועגען מענש און טראַכטען וועגען קאַמף. עס האָט געמוזט אויפשטעהן דער, וואָס האָט אין גאַנצען קיין פּלאַץ נישט געהאַט אויפ׳ן גע־

זעלשאפטליכען לייטער, כדי דעם לייטער א טרייסעל צו טאָן. מיט דעם דאזיגען לעצטען פון די לעצטע. אָבער פרייען און שטארקען איז געקומען מאקסים גאָרקי. דער מענש נישט אזוי פון דער אונטער־וועלט, ווי פון דער אויסער־וועלט, און זיין וואָרט און קאמפס־רוף איז פאר אלע ווארטענדע און אויסגעבענקטע גע־וואָרען דער אָנזאָג און לאָזונג.

ווען דאס וואָרט פון באפרייאונג איז געוואָרפען געוואָרען אין דער לופט, וואָס איז שוין פול געווען מיט ערוואַרטונג, האָט איהם צום ערשטען דערהערט — די אינטעליגענץ. אין דער סאָ־ציאלער סטרוקטור פון דער אלטער רוסישער אימפעריע איז פאר דעם אינטעליגענט געווען פונקט אזוי וועניג פלאץ, ווי פאר גאָר־קי'ס „באָסיאקעס". פונקט אזוי ווי עס איז פארגליווערט געווע־זען די טראַדיציע פון צאריזם, אזוי זיינען אויך געבליבען פארגלי־ווערט אלע טראדיציעס פון דער פעאדאלער אָרדנונג. ביי וועל־כער דער לערער, דער דאָקטאָר, דער געבילדעטער האָט געהערט צו דעם שטאנד פון באדיענערביים פריץ. זיין קענטשאַפט אין די אויגען פון פריץ איז געווען בלויז א פאך אין זיין האנד, און אזוי ווי פאך־לייט, בעלי־מלאכות האָבען געהערט צו דעם נידריגערען שטאנד, מיט וועלכע עס פאסט זיך נישט צו חבר'ן דעם עכטען נאָבעלמאן, אזוי איז אויך דער אינטעליגענט מיט זיין וויסען געבליבען אַן ארויסגעשטויסענער פון יענער מאשין, וואָס האָט אָנגעפיהרט די אָרדנונג פון דער רוסישער אימפעריע. ביי פאָן־וויזין'ען אין ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט איז דער לערער איינער פון די באדינער אין פריצישען הויף. ביי טאָלסטאָי'ען אין אָנפאנג פון 19טען יאָהר־הונדערט („קריעג און פרידען") איז דער דאָקטאָר א מענש, וועגען וועלכען מען ישוב'ט זיך, אויב עס פאסט איהם איינצולאדען צום טיש. און אויב פון אָנפאנג ביז ענדע 19טען יאָהר־הונדערט האָבען זיך די באגריפען אין רוסלאנד פארברייטערט, איז אָבער אויפ'ן חשבון פון אינטעלי־

נענט צוגעקומען דער חטא פון רעוואָלוציאָנערע אידעען און ער איז נאָך מעהר דערווייטערט געוואָרען פון דער גרויסער קהל'ישער שיסעל. דער אינטעליגענט, וועלכער האָט שוין פון יאָהרען־צעהנדליגער געטראָגען אין זיך דעם בונט, האָט דאָ געמוזט ווע־רען דער ערשטער אויפצונעמען אויפ'ס־ניי דאָס וואָרט, וואָס איז געקומען פון פּראָלעטאַריער. און וואָלט לעאָניד אַנדרעיעוו אָנגעהויבען צו שאַפען אפילו אין דער זעלבער צייט, וואָס גאָרקי, קען אויך זיין אויפקומען באַטראַכט ווערען אַלס לאָגישער גאַנג פון די געשעהענישען. אָבער ער איז געקומען שפּעטער, אַלעג־פאַלס מיט עטליכע יאָהר, און אויב ער האָט לכתחילה אָנגעהויבען מיט דעם בונט, וואָס האָט נישט געטראָגען קיין ריין־נאַציאָנאַ־לען כאַראַקטער, איז ער אָבער גלייך אַרויף אויפ'ן וועג פון פּאָ־ליטישען און סאָציאַלען קאַמף. „דאָס לעבען פון פאָטער וואַסילי פיוויסקי" טרעט אָפּ דעם וועג פאַר דעם „רויטען געלעכטער", „קעניג הונגער", דעם „גובערנאַטאָר", „די זיבען געהאָנגענע" און אזוי ווייטער.

אָבער דער פּראָלעטאַריער און דער אינטעליגענט וואָלטען נישט אזוי לייכט געקענט ברענגען דעם צוזאַמענברוך, ווען דער בונט זאָל זיך נישט ערוועקען אויך אין יענע, אויף וועלכע די אַלטע אימפּעריע האָט געבויט איהר שטאַרקסטען פונדאַמענט. דער פּראָלעטאַריער האָט געהאַט דעם כח פון פויסט און דעם דורשט נאָך פרייהייט, דעם ערשטען באַוואוסטזיין פון זיין מענש־ליכקייט, וואָס איז נאָך געוועזען פאַר איהם אזוי נישט קלאָר, ווי עס איז נישט קלאָר דער אויפגעהענדער טאָג און די שווע־רע מאָרגען - נעבלען. דער אינטעליגענט האָט געהאַט זיין דורות־לאַנגע אומצופרידענהייט, זיין גייסטיגען כח און די פעהיגקייט צו פיהרען. אָבער די אַלטע אָרדנונג האָט געהאַט מי־ליאָנען מענשען, וואָס זיינען פאַרגליווערט געוואָרען אין זייער טעמפּקייט, אין דער אָפּגעריסענקייט פון דער דרויסענדיגער

וועלט, אין די גראָהע פאַרשמידענדע וועגד פון קאַזאַרמעס. און אויב ביי די מיליאָנען איז געווען בלויז טעמפּקייט, דאַן האָבען די צעהנדליגער טויזענדער, וואָס האָבען זיי געפיהרט, דאָס אָפּיצירענטום, געהאַט אויך דאָס געפיהל פון דער קאַסטע מיט'ן פאַרגליווערטען מיליטערישען האָנאָר, וואָס איז שטאַרקער געווען, ווי אַלע ווענד. און אַט אויף די אָפּיצערען, אויף די כמעט־אַנאַלפאַבעטען און אויפגעבלאָזענע יחסנים מיט די בלוטיגע אינסטינקטען פון יענעם, וואָס איז פריי מיט זיין שווערד, האָט זיך געשטיצט די אימפּעריע און איהר אָרדנונג. דער בונט אין דער פאַרגליווערטער קאַסטע האָט געמוזט קומען אַלס דאָס זיכערסטע מיטעל פון דער קינפטיגער רעוואָלוציע. און דעם בונט האָט מיט זיך געבראַכט אַלעקסאַנדער קופּרין.

מעהר, ווי דאָס. דער גייסטיגער אויפשטאַנד פון רוסישען מיליטער־מענש איז געווען אַ גרויסער צייכען נישט בלויז, ווייל ער האָט געבראַכט דעם אָנזאָג פון געוועהר, וואָס וועט זיך ווען עס איז אַ קעהר טאָן געגען זיין הערשער. דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער סמן פון דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער סאַמע געדיכטעניש פון רוסישען לעבען. נאָך אַלעמען איז דער אָפּיצער דאָך פאַרבליבען דער שאַרפסטער טיפּ פון דעם עכט־רוסישען מענשען אָהן אויסערליכען איינפלוס, אָהן ענדערונגען פון דער צייט. אויב די רייהען פון דער אינפאַנטעריע זיינען פאַרפלייצט געוואָרען פון אָפּיצערן, וועלכע זיינען געקומען פון אָרימען דערשלאָגענעם מיטעל־קלאַס, אָהן שטאָלץ און אָהן טראַדיציעס פון דער „דוואָריאַנסטווא“, זיינען זיי אָבער געזעצליך אַריינגענומען געוואָרען אין דעם שטאַנד, און זיי, די פּאַרוועניוס, האָבען זיך באַמיהט נאָך שאַרפער אַרויסצוצייגען די אייגענשאַפטען פון רוסישען דוואָריאַנין, ווי ער אַליין וואָלט עס געטאָן. עכט און אַלט־רוסיש זיינען זיי געבליבען אין זייער אונוויסענקייט, אין זייער גראָבקייט, אין דער האַרבער באַהאַנדלונג פון

מענשען, אין דער ווילדער שפיעל פון די אייגענע אינסטינקטען; און אומבאריהרט זיינען זיי אויך געבליבען אין די פרימיטיווע מענשליכע, הארציגע נייגונגען פון די האלב־ווילדע מענשען. זיי האבען אויפגעהאלטען דעם עכט־רוסישען טיף אויב נישט אין זיין בעסטען, איז אלענפאלס אין זיין ערנסטען, און דער געשריי פון בונט, וואס איז געקומען פון זיי, איז געווען דער דייטליכסטער סמן פון דער טיעפקייט, מיט וועלכער די ערווארטונג פון דער גרויסער איבערקערעניש האט זיך גענומען גראבען אין רוסישען לעבען.

און פון דיביידע שרייבער: גארקי און קופרין איז דער לעצטער דער רוסישסטער, געבליבען טריי צו זיך אין אלע הינזיכטען. אפגעהענדיג פון זיינע ריין־קינסטלערישע ווערק, איז גארקי דער פרעדיגער פון רעוואלוציע און פון דער מארקסיסטישער דאגמא. קופרין אבער, ווען ער לאזט זיך פאנאנדער איז א צעהנדליג בענדער ערצעלונגען מיט זאכען, פאר וועלכע מען דארף נישט האבען דוקא קיין קופרין, איז ער בלויז דער שילדערער, דער באשרייבער פון „ביט”. אבער ער נעהמט נישט אוועק אין קיין פארטיי פרעדיגט נישט און בלייבט, וואס ער איז: אויף א העכערער אדער א נידעריגערער מדרגה, אבער בלויז א קינסטלער.

III.

מיט די שילדערונגען פון מיליטערישען לעבען איז קופּ־רין ארויס אין דער רוסישער ליטעראַטור, און ער איז געוועזען אַן ענטדעקונג.

עס זיינען אריבער עטליכע צענדליג יאָהר פון זינט טאָלס־טאָי האָט געגעבען זיינע גראַנדיעזע באַשרייבונגען פון רוסישען אָפיצער און סאָלדאַט. דער אָפיצער פון טאָלסטאָי'ס באַשריי־בונגען איז געווען מעהרסטענס דער גלענצענדער פאָרשטעהער פון דער רוסישער אריסטאָקראַטיע, דער יונגער לייטענאנט און עלטערער מאַיאָר פון דער גוואַרדיע, וועמעס לעבען האָט זיך גע־וויעגט צווישען פעלד און בעגילטען אריסטאָקראַטישען סאַלאָן. דאָס געהאַלט, וואָס אָט דער גוואַרדיע־אָפיצער האָט געקראָגען פון דער אַרמיי, איז געוועזען בלויז זיין טאַשען־געלד, און אָפט־מאָל אויך נישט דאָס. פון די רייכע טאַטע־מאַמע האָט דער יונגער אָפיצער געקראָגען זיינע טויזענדער, וועלכע ער האָט פאַר־שווענדעט ביים קאָרטען־טיש, אויף פערד און פרויען. צייטענ־ווייז איז ער אויך געקומען פון אַ געפאַלענער משפּחה, אָבער דאָס איז געווען די געפאַלענקייט פון גביר, און אין זיינע גרויסע שול־דען און גויטבאַדערפטיגקייט איז ער גאָך אַלץ געבליבען דער גביר, דער פאַרשווענדער און אריסטאָקראַט. דאַנעגען דער סאָל־דאַט אונטער איהם, איז געוועזען זיין אייגענטום, דער פאַרקויפ־טער קנעכט פון פּריץ, די לאַנג־יאָהריגע, פאַרהאַרטעוועטע, פיעל־געשמיסענע אַרמיי־מאַשין, אויף וועלכער מען האָט זיך ווענינ אומגעקוקט און וועלכע האָט ווענינ באַדייטונג געהאַט.

די עטליכע צענדליג יאָהר, וואָס זיינען פאַרלאָפען צווישען

א. קופּרין

דער דינסט אין דער אַרמיי פון דעם יונגען גלענצענדען גראַף טאָלסטאָי ביז דער דינסט פון דעם אומבאַקאַנטען אַרמיי־פּאָ־רוטשיק אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש קופּרין, האָט שטאַרק פאַר־קלענערט דעם אונטערשייד צווישען דעם אָפיצער און סאָלדאַט. די אַרמיי איז גרוים געוואָרען, די גוואַרדיע מיט איהרע באַגילטע סאַלאָן־העלדען איז געוואָרען בלויז דאָס שיינדעל פאַר פּאַראַדען, און די אמת'ע שווערע דינסט איז אויסגעפאַלען אויף די אַקסעל פון די טויזענדער אומבאַקאַנטע זיהן פון אומבאַקאַנטע טאַטעס; יונגע לייט, וואָס האָבען אויסגעקליבען די פּראָפעסיע פון מילי־טער־דיענסט צוליעב דעם, ווייל אהין האָט געטריבען דער האָ־נאָר פון דער קליין־בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך געוואָלט איינ־קויפען אין יחוס אָהן געלד, אָהן בילדונג, אָהן מיה. די מיליטערי־שע פּראָפעסיע איז געוועזען די לייכסטע פאַר אַט די אומוויסענדע מענשען — און מען האָט פון איהר געצויגען חיונה בדוחק, ליי־ענדיג, שווינדלענדיג און פוצענדיג די קנעפלאַך מיט קרייד, אַז זיי זאָלען שיינען, ווי עפּעס רעכטס. אַ שטאַנד פון אומוויסענדע, פאַרצאַגטע קבצנים איז עס געוואָרען. און דער סאָלדאַט, דער פויער, פון דער צווייטער זייט, האָט זיך שוין לאַנג באַפרייט פון דער פאַנשצינע, איז געקומען אין ראָטע אריין פון זיין פעלד און פאַבריק מיט'ן וויסען, אַז דאָס איז אַ אָפּקומעניש בלויז אויף עט־ליכע יאָהר, און דאָס דאָזיגע וויסען האָט איהם געהאַלטען נענטער פאַרבונדען מיט דעם, וואָס איז געווען זיין אמת לעבען. די קאַ־זאַרמע, וואָס אויף דער באַפרייאונג פון איהר האָט מען אויס־געקוקט פון טאָג אויף טאָג, האָט נישט געקענט דערשטיקען די בענקשאַפט צו דער היים, צו טאַטע־מאַמע, צו ווייב און קינד, וואָס מען האָט געלאָזען הינטער זיך. און דער סאָלדאַט איז דאָך געבליבען אַ מענש אויף זיין אייגענעם שטיינער. ער און זיין אָפיצער זיינען נענטער געווען צו זיך, ווי ווען עס איז, און דער וואָס האָט געקוקט און געהאַט אויגען צו זעהן, האָט געזעהן.

א. קופרין

אַט דעם אַפּיצער און דעם סאָלדאַט האָט קופּרין דערזעהן. געבוירען אין 1870, האָט ער זיך ערצויגען אין קאַדעטישען קאָר־פּוס און שפּעטער אין דער מיליטערישער שולע, און צו צוואַנציג יאָהר געוואָרען איינער פון די טויזענדער פּאָרוטשיקעס, וואָס פאַרברענגען זייערע טעג צווישען דער ראָטע און אָפּיצערען־קלוב: גראָב, לאַנגווייליג און נאַריש. זיבען יאָהר האָט ער אָפּ־געדיענט, אָבער צו 27 יאָהר האָט ער פאַרלאָזען זיין פּראָפעסיע מיט יענעם פאַרביטערטען וועהטאָג, וועלכער האָט איהם ארויס־געפיהרט אויפ'ן גרויסען וועג פון שאַפען. און עס איז געוועזען אַ ביטערער, וועהטאָגליכער, כמעט אַ פאַרצווייפעלטער געשריי — דער געשריי, מיט וועלכען קופּרין האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין פּראָפעסיע.

עס איז געווען קלאָר געזאָגט: אַ מענש קען דאָס נישט איבערטראָגען, אַ מענש קען אַזוי נישט לעבען! און אין אַ רייהע ערצעלונגען, דאָ מיט אַ אויסברוך פון שמערץ און דאָ מיט שטי־לען צער, ווערט דער זעלבער געשריי ווידער און נאָך אַמאָל אי־בער'גע'חזר'ט.

אַט קומט אַן דער יונגער פּאָרוטשיק קאָזלאָווסקי („אַ אויס־פאָרשונג") אין דער אַרמיי. ער איז נאָך פריש און שעמעוודיג. ווען ער דאַרף זאָגען דעם אַלטען פעלדפעבעל „דו" — בלייבט ביי איהם דאָס וואָרט שטעקען אין האַלז. און אויף איהם פאַלט אויס אויסצופאָרשען אַ יונגען סאָלדאַט, אַ טאָטער, וועלכער האָט ביי אַ צווייטען גע'גנב'עט אַ פּאָר קאַליוועס. דער טאָטער מאַכט זיך נישט פאַרשטעהענדיג קיין רוסיש און ווען אַפילו מען פאַר־טייטשט איהם די פראַגען אויף טאָטעריש, לייקענט ער זיין שולד. אָבער בלייבענדיג אויג אויף אויג מיט'ן יונגען אָפיצער, דערפיהלט ער אינסטינקטיוו אַ צוטרוי צו דעם פרישען נאַאיווען יונגענמאַן און איז זיך פאַר איהם מודה. קאָזלאָווסקי פיהלט, אַז דאָס, וואָס דער סאָלדאַט האָט זיך פאַר איהם מודה געווען, איז אַ פער־

א. קופרין

זענליכע זאך צווישען זייביידען, און די פשוט'ע מענשליכע עטיק פארלאנגט, אז ער זאל געגען דעם צווייטען מענשען נישט אויס-נוצען דאס, וואס יענער האט איהם אנפארטרויט אלס פערזענ-ליכען סוד. ער וויס אויך, אז דער טאטער האט קיין שלעכטס נישט געמיינט. ער האט גענומען די באליוועס בלויז צוליעב דעם, ווייל ער האט נישט פארשטאנען, אז מען דארף נישט נע-מען, און ער באגרייפט נישט, אז ער איז באגאנגען א חטא, ער איז כמעט אומשולדיג. אבער דער יונגער אפיצער מוז דעם באריכט פון זיין אויספארשונג מעלדען צום געריכט. און אט פיהרט מען דעם סאלדאט ארויס אויף'ן אפענעם פלאץ. אט שטעלט זיך אויס די ראטע און דער פויק קלאפט אנצוזאגען די עקזעקוציע. אט נעמט מען דעם סאלדאט אויסטאן האלב נאקעט, און ער פארשטעהט נאך אלץ נישט, וואס דאס באדייט. ביז מען לעגט איהם אוועק, ביז ביי איהם אויף'ן קאפ און די פיס זעצען זיך אוועק צוויי סאלדאטען און ביי די אנדערע צוויי אין די הענט הויבען אן צו פייפען די רימער איבער'ן נאקעטען לייב פון טא-טער. ביי דער זייט שטעהט קאזלאווסקי, דער פאררעטער, וואס האט ארויסגעגעבען א מענשליכען סוד און הערט, ווי איינער פון די אפיצערן טענה'ט:

— דאס איז דען געשמיסען? וואלט מען מיר געגעבען דעם טאטער אין די הענד אריין, וואלט איך איהם באוויזען א פאר באליוועס. און דאס איז דאך בלויז געקיצעלט, נישט געשמיסען.

קאזלאווסקי'ן הויבט אן צו שווינדלען אין קאפ. מיט א ציטערדיגער שטימע שרייט ער אויס צום אפיצער:

— אלץ, וואס איהר רעדט, איז אוממענשליך און געמיין.

עס ווערט א געטומעל, עס האלט ביי קלעפ, און —

„עס האבען איהם שוין געשלעפט פאר די הענט די אפיצערן, וואס זיינען דערשראקען געווארען פון קריגעריי, און פלוצלונג האט ער פארדעקט דעם פנים מיט די הענט און זיך צוכליפעט אויף'ן

קול, טרייסלענדיג זיך מיט׳ן גאנצען קערפּער, אזוי ווי א וויינענ־
דיגע פרוי, און שרעקליך ביז וועהטאג פארשעמט פאר זיינע טרע־
רען״.

ווייל עס איז שוין נישט דער אמאליגער סאלדאט. און קוקט
איהר זיך צו צו איהם, זעהט איהר א דערשלאגענעם, אומעטיגען
מענשען, וואס חלומ׳ט אזעלכע פרידליכע אומשולדיגע חלומות
און לעבט אין אזא שטילער פרידליכער וועלט. א גאנצען טאג
ווערט מען ארומגעיאגט און געמאטערט. קומט אבער די נאכט
און מען לעגט זיך אויס אויף די נארעס — דאן הויבט אן צו
שפּיעלען די פאנטאזיע און אין דער געדיכטער האלב־פינסטער־
ניש פון קאזארמע דערהערט זיך דאס פרייע מונטערע קול פון
איינעם און א צווייטען, וואס דערצעהלט מעשיות, זינגט ליעדער,
מאכט צום לאכען, און אין זייערע רייד און געלעכטער, וואס
זיינען פרימיטיוו, גראב און סעקסועל־אויפגערייצט, איז דא אזוי
פיעל הומאר, גוטמוטיגקייט און פרייער שוואונג פון אויסגע־
הונגערטע און פאר׳חלומ׳טע מענשען.

די קאזארמע ווערט ענדליך איינגעשלאפען. עס בלייבט
אויף דער וואך בלויז איינער, אליין אין דער שטיקענדער לופט
פון די שלאפענדע מענשען און איבערגעגעבען צו זיינע אייגענע
געדאנקען. עס איז איהם שווער אליין. געהט ער ארויס פאר׳ן
שוועל פון קאזארמע אין דער נעבעלדיגער נאכט און דערזעהט א
צווייטען וועכטער אין דער צווייטער ראטע, אויך פאר׳ן שוועל.
זיי קענען זיך נישט, אבערביידען איז אומעטיג און מען טרעפט
זיך ביי ברונען אין מיטען פלאץ צווישעןביידע קאזארמעס.
פריהער וויים מען נישט, וואס צו רעדען און מען באשעפטיגט
זיך מיט שפּייען אין ברונען אריין און צוהערען, ווי דער שפּיי
קלינגט אפ טיעף אין וואסער. שפּעטער פארבינדט זיך א
שמועס :

— אַט אַ קוניץ, ברודערל... זיץ איך נאָר וואָס אין קאַזאַרמע און — דאָס — אַנדרימעלט געוואָרען אַביסעל... און וואָס פאַר אַ מאָדנער חלום מיר האָט זיך געחלומט.

— זעה איך, הייסט עס, אַזוי ווי איך זאָל זיין ביי זיך אין דאָרף. און אַזוי ווי ס'איז אָוועגט. און אַלץ זעהט זיך מיר דורך און דורך... ס'הייסט — עס זעהט זיך אַזוי, ווי עס זאָל גאָר קיין חלום נישט זיין...

— ננאָ... דאָס מאַכט זיך — וואַרפט צו גלייכגילטיג דער צווייטער סאָלדאַט, קראַצענדיג אַ באַק.

— און איך אַליין אַזוי ווי איך זאָל פאָהרען רייטענדיג אויף אַ פערד... עס איז געווען ביי אונז אַזאַ ווייסער פערד, אַ יאָהר צוואַנציג האָט ער שוין מסתמא געמוזט אַלט זיין. אפשר איז ער שוין איצט גע'פגר'ט.

— אַ פערד זעהן — מיינט אַ ליגען. עמיצער וועט דיר אַריינגאַרען — באַמערקט דער סאָלדאַט.

אַזוי שמועסט מען און מען געהט זיך פאַנאַנדער. דער וועכטער געהט צוריק אין זיין קאַזאַרמע, זעצט זיך אַנידער ערגעץ און —

„ווידער שלענגעלט זיך אין גרינעם פרישען גראַז אַ טייכעל, דאָ באַהאַלטענדיג זיך הינטער די סאַמעטענע בערג, דאָ ווידער אויפשיינענדיג מיט אַ שפּיגעל־גלאַטקייט, ווידער ציהט זיך דער ברייטער, שוואַרצער, אויסגעגראַבענער וועג, עס שמעקט די אָפּ־געגאַנגענע ערד, עס ווערט ראַז דאָס וואַסער אויף די פעלדער, דער ווינד באַוועהט דאָס פּנים מיט אַ גוטען וואַרימען שמייכעל, און ווידער וויעגט זיך מערקולאָוו הין און צוריק אויפ'ן שאַרפען פערדישען רוקען, און הינטער איהם שלעפּט זיך אויפ'ן וועג די סאָכע, איבערגעקעהרט מיט'ן אַקער־אייזען אַרויף“ — — — —

עס חלומ'ט זיך די פשוט'ע, גוטע פויערשע היים, ביז דער פעלדפעבעל כאַפּט איהם אַ שלאָפענדיגען, דערלאַנגט איהם אין

א. קופרין

די צייהן — און גלאט וועט איהם שוין דער חלום נישט אראפ...

דאס איז דער סאלדאט און דאס איז דער אפיצער איבער איהם.ביידע ארימע, דערשלאגענע. ביידע האלטען זיך צוזאמען א דאנק עפעס אלטע שווערע געזעצען, וואס דריקען זיי אויף די אקסעל. ביידע טראגען א לאסט אויף זיך, אבער דער סאלדאט איז דער מעהר גליקליכער: זיין לאסט מוז ער טראגען בלויז עטליכע יאהר אין דער צייט, וואס דער אפיצער איז פאר'משפט אויפ'ן גאנצען לעבען. און אין דעם יאך, וואס הענגט אויף א גאנצען לעבען, ווערט ער דעמאראליזירט, געמיין און צופוילט. און צוזאמען מיט איהם ווערט צופוילט דער גאנצער פונדאמענט אויף וועלכען עס האלט זיך די רוסישע אימפעריע.

IV.

אין דעם זין, אלס באשולדיגונגס־אקט געגען דער רוסישער ארמיי, איז אויך אנגענומען געווארען קופרין'ס גרויסע ערצעלונג „דער דועל". עס איז געווען נאך די שרעקליכע מפלות פון דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה, און די אויסגעלאסענע צופוילטקייט פון דער ארמיי, וועלכע קופרין האט אזוי פיינליך אויפגעדעקט, האט אויך אויפגעדעקט די קארטען אין דער בלוטיגער שפּיעל אויפ'ן ווייטען מזרח. און ווי קופרין האט זיך נישט באמיהט צו פארענטפערן און באווייזען, אז ער האט דאס נישט געמיינט, אבער זיין בוך „דועל" איז געווען און וועט בלייבען דער שטארקסטער אנקלאג געגען דעם אלטען רוסישען לעבען און געגען דעם, אויף וואס עס האט זיך געהאלטען.

מעגליך, אז דער פּאליטישער אנקלאג איז לכתחילה נישט געווען קופרין'ס צוועק. דער 27־יאהריגער יונגערמאן, וואס האט זיך באפרייט פון יאך, וועלכער האט איהם געדריקט אין די בליהענדסטע יאהרען פון זיין לעבען, איז געקומען דערצעלען פון זיינע אייגענע לײדען, וועלכע ער האט איבערגעלעבט אין דער זיבען־יאהריגער דיענסט. אבער אין די לײדען איז שולדיג געווען די סביבה, אין וועלכער ער האט געלעבט. שריט אויף טריט האט איהם די סביבה געדריקט, געווארגען דאס שענע אין איהם, דערנידעריגט און ווידער געוועקט זיינע געדאנקען. עס איז געווען א קאמף פון א יונגען פרישען מענשען, א ריינעם, א אויפריכטיגען, א גלויבענדען מיט א סביבה, וואס האט נישט קיין ריינקייט, נישט קיין אויפריכטיגקייט, נישט קיין פרישקייט און נישט קיין לעבען. און וואס ביטערער עס זיינען געווען די

א. קופרין

ליידען פון דעם יונגען מאן. אלץ ביטערער האבען געמוזט זיין די שילדערונגען פון דער דאזיגער סביבה. אבער די סביבה אין דעם פאל איז געווען דאס רוסישע אפיצערענטום, די ארמיי. און אפשר געגען ווילען, געפיהרט פון דער לאגישער קאנסעקווענץ פון דער פערזענליכער און קינסטלערישער שילדערונג, מוז קופרין קומען צום סוף צו דער פערדיגונג פון דער פאליטישער, סאציאלער און אינדיווידועלער פרייהייט, וועלכע ער לעגט אריין אין מויל דעם האלב־שכור'ען דענקער נאזאנסקי, דעם צווייטען העלדען פון זיין איינענעם איך אין דעם ראמאן.

נאזאנסקי איז די צווייטע העלפט. דאס איז דער מענש, וואס האט שוין אלץ דורכגעליטען, איז פארזונקען געווארען אין דעם זומפ, האט א מאך געטהון מיט דער האנט אויף זיך אליין און אויף אלץ ארום און זוכט בלויז צייטענווייז אין בראנפען די דערהויבונג צו יענער גייסטיגער הויך, אויף וועלכער מען קען פארגעסען אלץ און ארומטראגען זיך אין דער וועלט פון ריינע בענקשאפטען, ליעבע און אידעאלען. נאזאנסקי איז דער פארשכור'טער, אבער קלארער באוואוסטזיין פון דעם, וואס איז, און פון דעם, וואס דארף קומען. דער אנהייב פון נאזאנסקי'ן איז ראמאשאוו, און די געשיכטע, וואס האט איהם געבראכט צו זיין שכור'ער און ליכטיגער פילאזאפיע, איז די געשיכטע פון ראמאשאוו'ן אין דער סביבה, וואס האט דעם יונגען מאן געבראכט צום אונזיניגען טויט.

עס איז א קליין אידיש שטעדטעל ערגיץ אין פוילען נישט וויט פון דער גרעניץ. עס האט געמעגט זיין ערגיץ אנדערשוואו — אלץ איינס וואלט דאס לעבען פון פאלק, וועלכער איז דארט איינגעשטאנען, געווען אפגעזונדערט אין זיך, אבער דא אין דעם שטעדטעל זיינען די עטליכע הונדערט רוסישע אפיצערן אזוי ווי אויף א אינזעל און זייער אפגעזונדערטקייט פון ציווילען לעבען, וואס איז אומעטום די זעלבע, זעהט זיך נאך שארפער אן. לעבט

מען בלויז צווישען זיך און מען שפייזט זיך מיט דעם, וואָס דער איינענער קרייז קען געבען.

וואָס האָט ער צו געבען? מענשען זיינען עם האַלב־ענט־וויקעלטע, האַלב־ווילדע, מיט דער שרעק פון'ם העכערען נאַטשאַל־ניק פון איין זייט און דער מאַכט איבער די אונטערטעניגע פון דער צווייטער זייט. מענשען, וואָס לעבען אויף דער פרייער לופט, האָבען נישט קיין אַנדערע פאַרבען אַרום זיך, אויסער דער גראָהקייט פון זעלנערשען שינעל און דער קאַזאַרמע, האָבען נישט קיין אַנדערע געדאַנקען, אויסער די, וואָס דרעהען זיך אין איי־גענעם טעמפען קרייז, האָבען נישט וואו זיך הינצוטאָן און וואו אויסצוברענגען די פיזישע ענערגיע פון זייערע געזונטע קערפּערס. מען איז קבצניש מאַטעריעל און מען איז טויזענד מאָל קבצני'שער גייסטיג. און צו דער זעלבער צייט האָט יעדער מענש אין דעם קרייז, מאַן אָדער פרוי, פּרעטענזיעס און אַמביציעס אויף עפּעס, וואָס זאָל אויסקוקען אַזוי ווי פון דער פרייער רייכער וועלט. עס ווילט זיך זיין אי ראָמאַנטיש, אי ריטערליך, אי אַריסטאָקראַטיש. אָבער דאָס אַלץ, ביים גייסטיגען און מאַטעריעלען דלות, מוז גע־פינען אַן אויסוועג בלויז אין דעם גראָבען לעבען פון פּאָלק און זיינע אינטערעסען. און עס ווערט באַשאַפען אַ צוזאַמענשטויס פון פאַריסענע קליינע גראָבע אַמביציעס און ליידענשאַפטען, וואָס מאַכט דאָס לעבען פון דעם קרייז פאַר אַ געמיינעם, שמוציגען, נידערטרעכטיגען זומפּ.

אין זיין קאַזאַרמע האָט דער אָפיצער צו טאָן מיט'ן סאָל־דאַט, וועלכען ער באַטראַכט פאַר אַ גראָבע באַשעפעניש און האַלט פאַר נויטיג זיך צוצופּאַסען צו איהם. וואָלט ער אַליין, דער אָפיצער, געווען אַ מענש מיט העכערע אידעאַלען, וואָלט ער געזוכט צו באַגרייפען דאָס מענשליכע אין דעם פויער, וואָס טראָגט דעם שינעל, און אַזוי אַרום דערהויבען איהם צו געהאָרכ־זאַמקייט און דיסציפּלין צוליעב אַ העכערען צוועק. אָבער דער

אפיצער איז געקנאטען פון דעם זעלבען ליים, וואס דער פויער, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואס דאס ביסעל מיליטערישע „בילדונג" האט איהם געגעבען די מאכט איבער די מענשען. ער איבט דאריבער אוים די מאכט אין דער גראבסטער פארם; און וויל ער זיך צופאסען צום סאלדאט, רעדט ער נישט אויף דער שפראך פון דעם הארציגען דארפישען מענשען, נאר אויף דער שפראך פון שכור'ען פויער אין שענק. און פון יאהר אויף יאהר ווערט די שפראך און די האלטונג פון שכור'ען כאם — די אומגאנגס-שפראך פון דעם אפיצער אין קאזארמע, זיין אויסדרוק, זיין סטיל. און מען קען נישט פארלאנגען פון א מענשען, אז ער זאל לאזען די קאזארמע בלויז אין קאזארמע און זיך אומקערען א היים דער אנשטענדיגער און שענער פאמיליען-פאטער. דער גייסט פון שענק וארצעלט זיך איין אין איהם — און ער טראגט עס מיט אין דער געזעלשאפט, אין זיין פאמיליע, אין זיין בעט אריין.

ווער איז די געזעלשאפט? די זעלבע אפיצערען מיט דער זעלבער גייסטיגער פיזיאנאמיע. קומט מען זיך צוזאמען אין אווענט אין אפיצערן-קלוב — וואס קען מען טאן? דערצעלען זיך נייעס און רכילות'ן פון פאלק, טרינקען בראנפען, שפיעלען אין קארטען און בשעת מעשה שיטען מיט ציניש אנעקדאטען. טאג אויף טאג לעבט מען בלויז מיט דעם, וואס דער אדער יענער האט געטאן און געזאגט אין פאלק, מיט די סקאנדאלען, וואס זיינען שוין פארגעקומען און וואס דארפען פארקומען און מיט — שמוציגע סעקסועלע געשיכטעס. איבער אט דער געזעלשאפט פון געזונטע פולבלוטיגע מענער שוועבט ארום די פרוי. נישט די מוטער, נישט די שוועסטער, נישט דאס ווייב — נאר די נאקעטע, באשמוצטע און באשפיגענע פרוי, וועלכע רייצט די פאנטאזיע פון סאלדאט אין קאזארמע און נאך מעהר — פון אפיצער אין זיין קלוב.

מיט אַט דעם באַגאַזש פון גייסטיגער שפּייז קערט מען זיך אום אַ היים צו ווייב און קינד. און דאָס ווייב, וואָס לעבט אין דער געזעלשאַפט פון אַרומגעצויגענע מונדירען און אָפענער תאוה — פאַרוואַנדעלט זיך אינסטינקטיוו אין דעם, וואָס מען מאַכט פון איהר אויף די מענערשע פאַרזאַמלונגען. אין דער שטענדיג טעקסועל-אויפגערעגטער סביבה, מיט דעם גראָבען ראָמאַנטיזם און די פּרעטענזיעס צו זיין ווי יענע דאַמען פון די רייכע סאַלאָנען — ווערט דאָס אָפיצערן-ווייב אַ אויפגערעגט באַשעפעניש, וואָס איז גרייט צו עפענען די אָרעמס פאַר יעדען איינעם, אום צו קענען קאָקעטירען פאַר די איבעריגע דאַמען פון פּאָלק מיט איהרע געליעבטע. מען פיהרט ראָמאַנען: דער—מיט יענעמ'ס ווייב, און יענע—מיט יענער'ס מאַן, און אין דעם ענגען קרייז פון עטליכע הונדערט מענשען געהען אַזוי די ווייבער פון האַנד צו האַנד, און די בעלער, אויף וועלכער אַט די געזעלשאַפט קומט זיך צונויף, ווערען אַ קעסעל פון אינטריגעס, אָנגעצויגענער גראָבקייט און פּראָסטיטואירענדער ראָמאַנטישקייט.

אָבער דער געזונטער מאַן, וואָס ברענגט אַ היים דעם גערוך פון בראָנפען מיט'ן גייסטיגען אינהאַלט פון שאַנד-הויז, קען דאָך נישט פאַרטראָגען די עולה, וואָס דאָס אייגענע ווייב טוט איהם. יעדער איינער איז גרייט אויסצוטאַן דעם צווייטענ'ס ווייב, אָבער די אויסגעלאַסענקייט פון זיין אייגענער פרעסט איהם אויף, מאַכט פון איהם אַ חיה אין הויז, פאַרביטערט איהם, טרייבט איהם צו שטאַרקערער שכרות אין קלוב און צו גרעסערער ווילדקייט מיט די סאָלדאַטען. דער מענש ווערט צובראָכען, און די פליכטען, וואָס ער טראָגט אויף זיך, ווערען אַ לאַסט. וואָס געהט איהם אָן די קאַזאַרמע, די מיליטערישע וויסענשאַפט און דאָס לעבען פון סאָלדאַט, ווען ער איז תמיד פול מיט עפּעס אַנדערש, איז האַלב-שכור, האַלב-צובראָכען, פאַרזאָרגט וועגען חובות, וואָס וואַקסען מיט זיין שכרות און קאָרטען-שפּיעל און וועגען טויזענד אַנדערע

זאכען. די מעכטיגע דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע פון מיליטער, וואָס דאַרף מענשען אויסבילדען און אויפבויען, ווערט א צובראָכענע מאַשין, וואו יעדער רעדעל באַזונדער סקריפּעט און ברעכט זיך, וואו אַלץ איז צוקרישעלט און צופוילט, און די גאַנצע באַוועגונג האַלט זיך קוים אויף מיט'ן כח פון גוואַלד און בייזקייט.

מאַכען זיך צווישען די אָפיצערן שטילע מענשען און גוטע פאַמיליען־פאַטערס, קינדלען די ווייבער, ווערען געבוירען מעכטער, וואַקסט מיט יאָהרען די הוצאה פון דער פאַמיליע. טראָגט נישט דאָס מאָגערע אָפיצערישע געהאַלט — און סוף כל סוף לאָזט זיך דער עהרליכער פאַמיליען־פאַטער אַוועק אין שווינדלען און גנבות : נעמט באַבאַר וואו עס לאָזט זיך, גנב'עט פון די זעלנערשע געלדער, גנב'עט פון די ראָטע־געלדער און געהט אייביג אַרום א פאַר'צרה'טער, א פאַראומגליקטער, אויסלאָזענדיג דעם כעס ווידער אמאָל צו די סאָלדאַטען און פאַרנאַכלעסיגענדיג זיין פליכט פונקט אזוי ווי די אנדערע. ביז מען כאַפּט איהם ביי זיינע שווינדלען, קומט א געריכט, קומען טרעהרען, ערנידעריגונג — און ווידער אמאָל דאָס זעלבע. און זיינען דאָ יונגע אָפיצערן, בחורים, וואָס זיינען בלויז די געליעבטע פון פרעמדע ווייבער און האָבען אליין נישט קיין פאַמיליעס, וואָס זאָלען ביי זיי צונעמען די קעפּ אזוי אָדער אנדערש — פאַרפּלאָנטערן זיי זיך אין די ראָמאַנען און זייער לאַנגווייליגקייט, אין קאָרטען און שכרות, אין חובות און סקאַנדאַלען, און די זעלבע געשיכטע חזר'ט זיך איבער ווידער אמאָל. זאַמעלט זיך אָן צופיעל ביטערקייט און פוסטקייט, לאָזט מען זיך אַוועק שכור'ערהייד ערגיץ אין הייזעל, האַקט מען שפּיגלען און מען שלאָגט די מיידלאך, רייסט מען בערד ביי פאַרבייגעהער און מען טוט אַלערליי אנדערע מיאוס'קייטען, אין וועלכע מען ווערט פאַרזונקען אזוי, אז דערנאָך קערט די גרינגע גאַל און וואַכען נאָכדעם געהט מען אַרום מיט א טשאַד אין קאָפּ. ווען מען קען אָנגעהן דער סאָלדאַט, זיין

לעבען און די קאזארמע ? עס איז נישטא קיין נשמה, קיין אידעע, קיין ביסעל הארץ אין דער מיליטערישער ארגאניזאציע, און די גאנצע פארזשאווערטע מאשינעריע האלט זיך אויף נאר א דאנק דעם בייטש, וואס הענגט איבער די טויזענדער און טויזענדער מענשען.

אמת, אין אלע די שכור׳ע און ניכטערע, באווייבטע און ניט־באווייבטע אפיצערן איז פאראן א נאטירליכער רעזערוו פון מענשליכקייט און נאך מעהר פון יענער סענטימענטאלער הארציגקייט, מיט וועלכער דער רוסישער מענש ווערט געבארען. צייטענווייז רייסט זיך עס ארויס פון זיי און דעמאלט פארוואנדעלט זיך דער בייזער פאלקאווניק אין א גוטען טאטען, דעמאלט געהט אוועק דער גוטער מענש און פארנעמט זיך מיט כאוועו פארשידענערליי חיות און עופות, און דער, וואס פיהלט, פארשליסט זיך אין זיינע ד׳ אמות, טרינקט פון פלעשעל און חלומ׳ט חלומות פון א שיינער און פרייער מענשהייט. אבער דאס זיינען זעלטענע מינוטען און זעלטענע מענשען, וואס פאסען זיך ניט אריין אין דער גאנצער אטמאספערע פון אלגעמיינער אויסגעלאסענקייט און טעמפקייט — און זיי ווערען אין איהר פארשוואונדען.

קומט אריין א פרישער יונגער מענש אין דער דאזיגער אטמאספערע מיט א גאנצען בארג חלומות וועגען טרייער דינסט, ארבייט, בילדונג און גייסטיגען לעבען, — געפינט ער זיך אין א יאהר ארום א צושלאגענער פון לאנגווייליגקייט און פוסטקייט. מיט אלע חלומות צו נישט געווארען און מיט א נאגעניש, וואס טרייבט צו שכרות און יונגעלשע פאנטאזיעס וועגען נסים, וואס וועלען קומען פון דער העלער הויט. א שוואכער מענש איז ער, אט דער ראמאשאוו, און אט שלעפט זיך נאך הינטער איהם א ליעבע מיט אן עלטערער דאמע, וואס איז שוין דורכגעגאנגען די הענט פון אלע נייע פארוטשיקעס אין פאלק און האט איהם

נעמאכט פאר איהר געליעבטען אויס פוסטקייט. אהן ליעבע און
און אהן תאוה אפילו. איהרע צעטעלאך, וואס ער געפינט, קו־
מענדיג אהיים, עקלען איהם. זיין איינגער צימער איז גראה און
פארשטויבט. די ביכער, וואס ער האט אמאל געזאלט לייענען,
ליגען ניט־אויפגעשניטענע. אין הארצען דריקט א שווערקייט
פון נארישען טאג אין דער ראטע, פון דער זידלעריי, וואס ער
האט געדארפט אויסשטעהן פון פאלקאווניק. פון דער גאנצער
דינסט איז ביטער און עקעלדיג. און דא ליעבט ער זיך ווייטער.
דאס מאל איז עס שוין אמת'ע ליעבע, ווייל די פרוי פון פא־
רוטשיק ניקאלאיעוו איז אן אנדערע, א שענערע, א ריינערע.
טאג אויף טאג קומט ער אהין אין הויז, ווייל איהם דאכט, אז
דארט פיהלט ער זיך ריינער און ערליכער. טאג אויף טאג דאכט
איהם, אז ער איז אין יענעם הויז אן איבעריגער מענש און ער
באשליסט מעהר ניט צו געהן, אבער ער געהט דאך, א אומצו־
פרידענער און פארביינקטער. ווי עס זאל ניט זיין, איז אלעק־
סאנדרא פעטראוונא אויך א אומצופרידענע, אזוי ווי ער, וויל
זיך ארויסרייסען, אבער זי געהט צו איהר צוועק רוהיגער און
פעסטער, ווי ער, ראמאשאוו. זי צווינגט איהר מאן צו
האלטען עקזאמען אין דער גענעראל־אקאדעמיע — און דאן
וועט זי זיין אין פעטערבורג, לעבען צווישען אנדערע מענשען,
הערען אנדערע רייד. נישקשה! זי וועט איהם שוין דורכשטו־
פען. ראמאשאוו'ן רייצט עס. און ער זיצט און הערט אויס איה־
רע טענות אין דער צייט, ווען ניקאלאיעוו מאטערט זיך איבער
די ביכלאך. אבער ניקאלאיעוו קען עס ניט פארטראגען. ער
קען זיין ווייב — ראמאשאוו איז שוין ניט דער ערשטער ביי
איהר, כאטש אוועקגעהן פון איהם וועט זי ניט. דולדעט ער
און שווייגט.

ער שווייגט, ביז ראמאשאוו'ס ערשטע געליעבטע הויבט
איהם אן צו שיקען פאסקווילען. דאן ווערען די באציהונגען

פיינדליך אנגעצויגען. דאס הויז פאר ראמאשאוו'ן פארמאכט זיך. בענקשאפט, פוסטקייט, שכרות און איינזאמקייט. די פליכט פארלאזען, די ארבייט פארגעסען. דאס צובראכענע הארץ ליגט ניט מיט דער ראטע. נאכלעסיגקייט, אויסרייד און שאנד. און ווידער אמאל ביטערקייט, טעמפקייט און שכרות. א ווילדע הוליאנקע, א שפאציר אין א הייזעל ארייז, א סקאנדאל אין קלוב, א געשלעג מיט ניקאלאיעוו'ן. דער אנגעצויגענער מיליטער־רישער האנאר פאדערט א דועל. ניקאלאיעוו'ס ווייב פאדערט עס אויך — איהר מאן וועט האבען א בעסערע רעפוטאציע פון אן אפיצער נאכ'ן דועל און זיין קאיערע, איהר קאיערע איז גע־זיכערטער. א פריהמארגען, א שיסעריי — און א רעפארט צום פאלקאווניק, אז פארוטשיק ראמאשאוו איז אין זיבען מינוט נאכ'ן דועל געשטארבען פון א אינערליכער בלוט־אויסגיסונג.

אונזין, בלוטיגער נארישער אונזין פון א פארטעמפט לעבען און נארישען טויט. און די מערדעריי, די אפענע מערדעריי ווערט אוועקגעטראגען אין שכור'ן קלוב און דארט ווערט עס פארגע־סען און פארשוואונדען אין שטראם פון סקאנדאלען, אינטרי־געס און סעקסועלע ציניזמען, אזוי ווי איינס פון די אלטעגליכ־סטע גארנישטען פון אויסגעלאסענעם זומפ.

V.

וואס איז דער ענטפער אויף דעם טעמפּען אונזין ? וואס איז דער אורטייל איבער דעם זומפּ ?

טענה'ט נאזאנסקי זיינע לעצטע טענות צו ראמאשאוו'ן איידער זיי געזעגענען זיך, און היינט צו טאג, ווען דאס אלץ איז פארגעקומען פאר אונזערע אויגען, הערט, וויפיל נביאות עס ליגט אין די רייד, וואס זיינען געזאגט געווארען דאמאלט:

— עס וועט קומען א צייט, און זי איז שוין ביים טויער. א צייט פון גרויסע ענטוישונגען און שרעקליכער איבערראשונג. איהר געדיינקט, איך האב אייך אמאל געזאגט, אז עס לעבט פון אייביג א אומגעזעהענער און אומדערבארמיגער גניום פון דער מענשהייט. זיינע געזעצע זיינען פינקטליך און שטרייננ. און וואס קליגער עס ווערט די מענשהייט, אלץ מעהרער און טיפער דרינגט זי אריין אין זיי. און אט בין איך זיכער, אז לויט די אונגעענדערטע געזעצען קומט אלץ אין דער וועלט פריהער אדער שפּעטער צו א גלייכגעוויכט. אויב די קנעכטשאפט האט אנגע־האלטען יאהרהונדערטער, וועט דער פאל איהרער זיין שרעקליך. וואס גרויליכער עס איז געווען דער גוואלד, אלץ בלוטיגער וועט זיין די אפּרעכענונג. און איך בין טיף, איך בין פעסט איבער־צייגט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען מען וועט אונז, די פּא־טענטירטע שענע יונגען, די מייסטערישע פארפיהרער, די גלענ־צענדע פראנטען, ווען מען וועט אונז, די הערן שטאב און אבער־אפיצערן פּאטשען איבער די באקען אין די הינטער־געס־לאך, אין די פינסטערע קארידארען, אין די וואטער־קלאזעטען. ווען מים אונז וועלען זיך אנהויבען שעמען פרויען און עס וועלען

א. קופרין

אונז ענדליך אויפהערען צו פאלגען אינזערע „איבערגעגעבענע" סאלדאטען. און עס וועט זיין ניט דערפאר וואס מיר האבען געשלאגען ביז בלוט מענשען וועלכע האבען זיך ניט געקענט פארטיידיגען, און ניט דערפאר, וואס מיר האבען א דאנק דער עהרע צום מונדיר, געקענט באליידיגען פרויען אומבאשטראפט, און דערפאר, וואס מיר האבען שכור'ערהייט אין די שענקען געבראכט אויף פיצלאך יעדען איינעם, וואס איז אונז געקומען אין האנט אריין, און אויך ניט דערפאר, וואס מיר, קאמאנדירענדע זאקוצניקעס, האבען אין אלע לענדער און אויף אלע שלאכטפעלדער באדעקט מיט שאנד דאס רוסישע געוועהר, און אונזערע אייגענע סאלדאטען האבען אונז מיט די באגנעטען געטריבען פון דער קוקורוזע ארויס. פארשטייט זיך, אז עס וועט זיין אויך פאר דאס און פאר דעם. אבער מיר האבען אויף זיך נאך א שרעקליכערע שולד, וואס לאזט זיך שוין ניט פארריכטען. דאס — וואס מיר זיינען בלינד און טויב צו אלעמען. ערגיץ ווייט פון אונזערע שמוציגע פארשטונקענע לאגערען שאפט זיך שוין פון לאנג א גרויס, א ניי, א ליכטיג לעבען. עס זיינען אויפגעקומען נייע דרייסטע, שטאלצע מענשען. אזוי ווי אין לעצטען אקט פון א מעלאדראמע, פאלען די אלטע טורמעס און קעלערן און פון הינטער זיי זעהט זיך ארויס א בלענדענדע שיין. און מיר, אנגעבלאזענע, ווי די ענדיקעס, פינטלען מיט די אויגען און באלעבעטשען פאררויסען: „וואס? ווער? שוויגט! א בונט! איך דערשיס!" און אט די גאנערשע גאוה וועט מען אונז ניט מוחל זיין, אויף דורי דורות.

און דאן קומט דער חלום פון דערלייזונג, דער אידעאל פון איבערמענשליכען, וואס איז אזוי עכט־רוסיש אין זיין ניט קלארקייט, אין זיין צושוואומענקייט און ליכטיגער, איבער־ערדישער באגייסטערונג:

— . . . די ליעבע צו דער מענשהייט איז אויסגעברענט און

א. קופרין

אויסגערויבערט געווארען פון מענשליכע הערצער. אנשטאט איהר קומט אן א נייער געטליכער גלויבען, וואס וועט בלייבען אומשטערבליך ביז׳ן סוף פון דער וועלט. דאס איז די ליעבע צו זיך, צום אייגענעם שענעם קערפער, צום אלמעכטיגען געדאנק, צום אומענדליכען רייכטום פון אייגענע געפיהלען. — — —
עס וועט קומען א צייט, און דער גרויסער גלויבען אין אייגענעם איך, וועט ווי די פלאמען פון הייליגען גייסט, באשיינען די קעפ פון אלע מענשען, און דעמאלט וועלען ניט זיין ניט קיין קנעכט, ניט קיין הארען, ניט קיין קאליקעס, ניט קיין רחמנות, ניט קיין זינד, ניט קיין בייזקייט, ניט קיין קנאה. דאן וועלען מענשען ווערען געטער. און באטראכט זיך נאר — ווי וועל איך דע־מאלט האבען די העזה צו באליידיגען, א שטויס טאן און אפ־נארען א מענשען, אין וועלכען איך וועל פיהלען מיין גלייכען, א ליכטיגען גאט? דאן וועט דאס לעבען זיין שעהן. איבער דער ערד וועלען זיך אויפהויבען לייכטע, ליכטיגע געביידעס, גאר־ניט וואולגאר און פרעך וועט באליידיגען אונזערע אויגען, דאס לעבען וועט זיין א זיסע ארבייט, א פרייע וויסענשאפט, א וואונ־דערבארע מוזיק, א פריילירכער אייביגער און לייכטער יום־טוב. די ליעבע וואס וועט באפרייט ווערען פון די פינסטערע פענטעם פון אייגענטום, וועט ווערען די ליכטיגע רעליגיע פון דער וועלט, און ניט די באהאלטענע זינד פון צוזאמענקונפט אין א פינס־טער ווינקעל מיט פארזיכט און עקעל. און אונזערע קערפערס אליין וועלען ווערען ליכטיגע, שטארקע און שענע, אנגעטאן אין העלע פראכטפולע קליידער. פונקט ווי איך גלויב אין אט דעם אווענדיגען הימעל איבער מיר — האט אויסגערופען נאזאנסקי, פייערליך אויפהויבענדיג די האנט אין דער הויך — אזוי גלויב איך פעסט אין אט דעם קומענדען, געטער־עהנליכען לעבען. — —
האלב־שכור׳לאך, האלב־קינדערש, אבער אזוי ווי א פאנ־טאסטישער פאקעל, וואס קען אנצינדען די פארפינסטערטע מאסע

א. קופרין

פון זומפ און אין נאמען פון דעם ליכטיגען, ווייטען און אומדערגרייכבארען ארויספיהרען זי אין בונט געגען יענע, וואס האבען געווארפען אזוי פיעל פאראכטונג אויף דער פרייהייט פון מענשליכען גייסט.

VI.

אזוי איז אויפגעקומען צום גייסטיגען בונט דער פארגליי־ווערטסטער און שטארקסטער שטאנד פון אלטען רוסישען לע־בען, און דער אנזאג פון דער קומענדער רעוואלוציע איז ארויס־געבראכט געווארען פון אונטער די גראהע שינעלען און איז מיט ווארנונג און אויפרוף צוריק געטראגען געווארען אין די גראהע רייהען פון מיליטער דורך די פלאמענדע ווערטער פון קופרין׳ס ווערק. אין זין פון סאציאלען קאמף, אין וועלכען עס האט זיך באטייליגט יעדער רוסישער שריפטשטעלער פון יענעם דור, איז אט דער ערשטער פראטעסט־געשריי פון קופרין׳ען געווען דער שארפסטער און באדייטענדסטער. ער אליין האט זיך באפרייט, ארויסגעפיהרט דורך די ערשטע ווערק אויפ׳ן וועג פון שאפען, ווערט ער איינער פון די באדייטענדסטע רוסישע קינסטלער, אפשר דער רוסישסטער און זאפטיגסטער. אבער דער רוף צום בונט הערט ניט אויף, ווייל מיט ערווארטונג פון בונט אטעמט דאס הארץ פון גאנצען רוסישען לעבען אין יענער צייט. און אויב ניט דער גרעסטער טייל פון קופרין׳ס ווערק — איהר קענט ניט פארלאנגען פון עכטען קינסטלער צו ווערען איינגאנצען סאציאל — איז א היבשער טייל פון זיי פול מיט דעם שמערצליכען גע־שריי, וואס רופט צו נקמה און זיג.

פונקט ווי עס ווערט אין „דועל״ א מענש צובראכען אין דער געמיינהייט פון דער מיליטערישער מאשין, אזוי ווערט ער אין „מלך״ צובראכען פון דער קאלאסאלער קאפיטאליסטישער מאשין, וואס פרעסט אויף זיין מארך, שווינדעלט ארויס דאס מיידעל, וואס ער האט ליעב און מאכט איהם צו גארניט. שווער,

אנגעפרעסען און ביטרע האלט דער קאפיטאליסטישער הערשער אין די הענט די טויזענטער ארבייטער, די בעאמטע, זייערע ווייבער און קינדער, זייער שטאלץ און מענשליכקייט, זייער געוויסען און עהרליכקייט, און ער צוקוועטשט זיי מיט זיין אנגעפרעסענער, אומדערבארעמדיגער שווערקייט.

אין דער כמעט סימבאליסטישער ערציילונג „זומפ“ געהט ארום א יונגער סטודענט און טענה'ט אלץ וועגען דעם, אז דעם פויער איז אזוי גוט אין זיינע באגריפען, און פאר וואס דעמאראליזירט מען איהם? ביז ער פארשלעפט זיך אויף נאכטלעגער אין הויז פון א פויער, וואס איז געשטעלט אלס וועכטער איבער א זומפיג שטיק לאנד, איבער וועלכער עס הויבט זיך א אייביגער גיפטיגער נעבעל. הוסטען דער פויער און זיין ווייב, האט מען שוין דאס דריטע קינד אוועקגעפיהרט אויפ'ן בית־עלמין און די איבעריגע ליגען אלץ אויף דעם אויווען און אין בעט האלב־טויטע. און וואס איז דער תכלית פון אוועקגעהן פון דאנען? — טענה'ט דער פויער — מענשען מוזען דאך דא שטארבען. און זיי שטארבען.

אין אנדערע קלענערע און גרעסערע ערציילונגען קומט ארויס די פוסטקייט פון דער טאג־טעגליכקייט אין די שטעדט און שטעטלאך פון דער גרויסער רוסלאנד, די שוואכקייטען פון די רעגירונגס־בעאמטע, וואס גנב'ענען און שווינדלען, די טראגישע ארימקייט פון דעם מיטעל־מענשען און זיין גייסטיגער פאל. אומעטום געהט דורך דער בונט שטילערהייט, ביז ער צינדט זיך ווידער אמאל אן און קומט ארויס פייערליך און כמעט נביאיש. אט איז פאראן א דיאקאן, א ריז מיט א גוואלדיגער שטימע. אזוי ווי די אנדערע פון זיין דור האט קופרין ליעב צו מאלען דעם „שרעקליכען פיזישען כח“ פון דעם עכט־רוסישען מענשען. און דעם כח פארמאגט אויך אט דער דיאקאן. און ער איז א מענש מיט גוואלדיגען זכרון, וואס האט זיך אויסגעאיבט ביי

א. קופרין

איהם דורך אייביגען איינ׳חזר׳ן די רעליגיעזע טעקסטען. עס איז ערב א גרויסען יום־טוב, און דעם דיאקאן איז איינגעפאלען אין האנט עפעס א מעשה־ביכעל פון רוסישען מיליטער אין קאווקאז מיט אזוי פיעל ראמאנטישע שילדערונגען, וואס לאזען איהם ניט רוהען. די ווערטער און בילדער שניידען זיך איהם איין אין זכרון און ער האט הנאה, האט גוואלדיג הנאה. אויף מארגען שטעהט ער אין צערקווע און הויך אויפ׳ן קול זינגט ער אויס די פראוואסלאוונע תוכחה, דעם חרם מיט ביטערע קללות אויף אלע די, וואס האבען געלייקענט אין דער הייליגער פראוואסלאוונער קירכע. און אט טראגט מען איהם א צעטעלע פון ארכיעפיסקאפ, אז ער זאל פארשעלטען נאך איינעם, דעם „באליארין לעוו טאל־סטאי". ער שעלט, אבער גלייך דערמאנט ער זיך, אז דאס וואס האט איהם נעכטען אזוי פיעל פרייד פארשאפט און געלערנט צו זעהן גאט אין מענש און נאטור, איז געווען געשריבען פון דעם זעלבען לעוו טאלסטאי. דער זכרון ברייגגט ארויס ווארט אין ווארט דאס געלעזענע, און מיט אמאל, אזוי ווי א אומשול־דיגער בלעם, וואס האט אומגעקערט זיינע קללות אויף ברכות, הויבט ער אויף זיין קאלאסאלע שטימע אין לאנגער ברכה אויף דעם קאפ פון זעלבען „באליארין לעוו טאלסטאי" און דעם כאר פון צערקווע ענטפערט:

— „מנאגאיא ליעטא".

עס שמעקט אזוי מיט צייטמעסיגקייט פון דער קליינער ער־ציילונג, וואס איז געשריבען געווארען אין דער צייט, ווען די רוסישע קירכע האט ארייגעלייגט טאלסטאי׳ען אין חרם. עס איז כמעט א ענטפער און פראטעס אויף א טאג־פאסירונג. אבער דער האלב־פובליציסטישער אינהאלט פון דער ערציילונג דער־הויבט זיך ביז סימבאליזם אלס צייכען פון דער צייט. אין אט די צייטמעסיגקייט פון אלע באדייטענדע שאפונגען אין דער רוסישער ליטעראטור פון יענער צייט — איז עס דען ניט דער

האמער, וואס האט געקלאפט און אויסגעשמידט די רוסישע איבערקערעניש און די נאציאנאלע באפרייאונג?

אמת, אז שפעטער אמאל, ווען דער שטורעמדיגער ים פון רוסישען לעבען וועט זיך איינשטילען און קומענדע דורות וועלען זוכען דאס ריין־קינסטלערישע אין די ווערק פון די מאדערנע און געוועזענע שרייבער, — וועט דאס צייטמעסיגע אין די ווערק פון קופרין׳ען און זיינע חברים צוגעבען זיי דעם הויך פון געשיכטליכקייט, וואס איז ניט שטענדיג א זיכערער מיטעל פאר דער אייביגקייט פון קונסטווערק. אבער דער בונט פון דעם דור רוסישע שרייבער פאר דער רעוואלוציע איז ניט בלויז צייטמעסיג. דער אידעאל פון נאזאנסקי׳ן שטעלט זיך ניט אפ ביי דער רעפארם אין דער ארמיי, נאר ער טראגט זיך אוועק צו דער אומענדליכער ווייטקייט פון געטער־מענשען, אין דער ווייטקייט, וואס וועט בלייבען אומדערגרייכבאר פאר דעם ווייטסטען פון די קומענדע דורות. עס איז דער אומרוה און אידעאליזם, וואס טראגט זיך אריבער פון דער צייט און פון דער ערד אין די הימלען אריין, און דער אומרוה וועט שטענדיג בלייבען לעבען. פארמען פון לעבען וועלען זיך בייטען, אבער דער אינהאלט פון שטרעבען וועט בלייבען דער זעלביגער און דער כאראקטער פון פאלק, וועלכען קופרין און זיינע חברים האבען געשילדערט, וועט זיך אזוי גיך ניט ענדערן. און מען וועט אין דער ליטעראטור פון דער בונטארישער צייט געפינען ניט נאר געשיכטע און פארגאנגענע זיטען, נאר אימפולס צום ווייטערדיגען קאמף. ווייל אין יעדען פון די שרייבער, וואס האט אזא גרויסען חלק אין דער איבערבויאונג פון רוסלאנד, וועט זיך פיהלען דער אמת׳ער לעבעדיגער קינסטלער, וואס קען ניט בלייבען אין דרויסען ניט פון זיין פאלק און ניט פון זיין צייט.